# אלישבע

## א זאמלונג פון ארטיקלן וועגען
## די דיכטערין אלישבע



פערלאג «תומר» — תל־אביב

תל־אביב תר"ץ

דפוס וידיסלבסקי ומינץ, ת"א

אלישבע

# אוטאביאגראפישע נאטיץ*

געבארן בין איך אין רוסלאנד, אין ריאזאן, דעם 20־טן סעפטעמבער 1888. מיין פאטער, איוואן זשירקאוו, איז געווען פריער א דארפישער פאלקס־לערער און שפעטער א סוחר און ארויסגעבער פון פאלקס־ און שול־ביכער. געשטארבן איז ער אין יאהר 1917. מיין מוטער, וועלכע האט געשטאמט פון אן ענגלישער פאמיליע אין מאסקווא איז געשטארבן, ווען איך בין אלט געווען 3 יאהר. אויסגעהאדעוועט האב איך זיך אין מאסקווא בא א מומען אן ענגלענדערין, מיין מוטערס עלטערע שוועסטער.

מערער ערנסטערע שירים (אין רוסיש) האב איך אנגעהויבן צו שרייבן אין יאהר 1907. אין רוסיש האב איך אנגעשריבן ארום 200 לידער. איך האב זיי קיינמאל ניט געדרוקט. נאר אין יאר 1919 איז דערשינן א טייל פון זיי אונטערן נאמען „מינוטן". אויף רוסיש האב איך אויך אנגעשריבן אייניגע דערציילונגן, וועלכע איך האב נאך ניט

* געשריבען אין תל־אביב אין יאהר 1926, אויפן פארלאנג פון פארשטארבענעם העברעאישען ביבליאגראף ז. פישמאן פאר זיין „לעקסיקאן פון העברעאישע שרייבער".

פארעפּענטליכט. אויסערדעם האָב איך איבערגעזעצט אויך לידער פון ענגליש.

אנהויבנדיק פון די יאָרן 1907|1908 איז מיר אויסגעקומען גאַנץ אָפט צו פאַרברענגען אין אַ אידישער געזעלשאַפט (אין דער פאַמיליע פון מיינער אַ שול־חברה). איך האָב זיך אָנגעהויבן באַקענען מיט דער אידישער וועלט און זיך פאַראינטערעסירט פאַר העברעאיש. אין אָנהויב האָב איך גענומען לערנען אידיש. דאָס איז מיר אָנגעקומען נישט שווער, ווייל איך האָב געקאַנט אַביסל דייטש און די אותיות האָב איך אויסגעלערנט פון מיין ברודערס העברעיִישן דקדוק אויף דייטש (מיין ברודער איז אַ פילאָלאָג און קענער פון מזרח־שפּראַכן). לייענענדיק אידיש האָב איך זיך אָפט אָנגעשטויסן אויף אומפאַרשטענדליכע העברעאישע ווערטער, וועלכע האָבן מיך פאַראינטערעסירט און מיר האָט זיך פאַרוואָלט צו וויסן זייער באַדייט. איך האָב אָנגעהויבן לערנען עברית אויף די עברית־קורסן פון דער געזעלשאַפט „חובבי שפת עבר" אין מאָסקווע (אין יאָר 1913). די קורסן האָב איך באַזוכט 2 יאָהר נאָכאַנאַנד אָבער — מיט גאַנץ לאַנגע הפסקות. סיסטעמאַטיש האָב איך מער נישט געלערנט קיין עברית און די שפּראַך האָב איך ערלערנט לייענענדיק און ריידענדיק אויף איהר.

אומגעפער אין דער זעלבער צייט האָב איך אָנגעהויבן צו איבערזעצן פון אַנהויב פון אידיש אין שפּעטער אויך פון עברית אין רוסיש. צוליב אויסערלעכע סיבות (די ניט־גינסטיגע באַדינגונגען פון דער מלחמה־צייט) זיינען זיי פאַרבליבן אין כתב־ידי. פון אידיש האָב איך איבערזעצט: אייניגע דערציילונ־

גן פון נאמבערג, אנכי, שירים פון רבי יהודה הלוי („שירי הים" און „ציון הלא תשאלי") לויט ביאליקס אידישער איבער־זעצונג. די איבערזעצונגן האבן זיך געדרוקט אין יאר 1915 אין וואכנשריפט „יעווריייסקאיא זשיזן". די איבערזעצונגן זיינען געווען מיינע ערשטע געדרוקטע זאכן. פון עברית האב איך איבערגעזעצט אויף רוסיש פיל דערציילונגן פון שאפמאן, „רשמי־דרך" פון ברענער, דערציילונגן פון בערקאוויטש, גנעסינס „הצדה" און פיל לעגענדעס פון יהודה שטיינבערג.

אין יאהר 1920 פראווו איך צום ערשטן מאל אנשרייבן א שיר אויף העברעאיש. מיינע ערשטע צוויי העברייאישע שירים האב איך אנגעשריבן אויף אשכנזישן דיאלעקט, כאטש עברית האב איך געלערנט אויף דעם ספרדישן דיאלעקט: צופעליק איז מיין לערער געווען אן א"י־דיגער. דאס איז געווען אונטער דער ווירקונג פון דער העברעאישער פאעזיע, וועלכע האט זיך ביז איצט באנוצט אויסשליסלעך מיט דער אשכנזישער הברה. פון אנהויב האב איך זיך אפילו נישט געקאנט פארשטעלן, אז מען קאן שרייבן אנדערש. מיין ערשטער פראווו האט מיר ניט באפרידיגט, אבער מיין צווייטער פראווו צו שאפן אן אריגינעלן העברעאישן שיר אויף דער ספרדישער הברה, מיט וועלכן איך בין געווען געוואוינט, האט זיך איינגעגעבן און דאס האט געווירקט איך זאל בכלל אנהויבן שרייבן העברעאישע שירים. מיינע ערשטע שירים האבן זיך געדרוקט אין 13־טן באנד פון „התקופה".

אין יאהר 1922 הויב איך אן צו שרייבן אויף פראזע אויף עברית. צוויי קליינע דערציילונגן אונטער דעם נאמען „רשימות" דרוקן זיךאין 19־טן באנד „התקופה", די דערציילונג

„אמת" – אין זאמלבוך „פרט", „מלכה לעברים" אין 22־טן בענד „התקופה", „נרות של שבת" אין „העולם" תרפ"ד, און אין „התקופה" בענדער כ"א–כ"ב, א גרעסערן ארטיקל „וועגן דער פאעזיע פון אלקסאנדער בלאק" און אן ארטיקל „די נייסטע העברעאישע דיכטונג" אין דעם מאנאט־שריפט פאר קריטיק „עין הקורא".

אויף מיינע איבעזעצונגן האב איך אונטערגעשריבן מיין ריכטיגן נאמען זשירקאווא. פאר מיינע רוסישע שירים האב איך באנוצט אלס פסעוודאנים מיין אידישן נאמען ע. לישעווא, אויף מיינע אלע העברייאישע זאכן האב איך זיך אונטערגעשריבן אלישבע.

דער אידישער נאציאנאלער געדאנק און שפעטער דער ציוניסטישער אידעאל, האבן אויף מיר געהאט זייער א גרויסע השפעה, אזוי, אז מיט דער צייט האב איך באשלאסן אנצווענדן מיינע שאפונס־מעגליכקייטן נאר אין עברית און אויף שטענדיג זיך צו באזעצן אין א"י. מיינע גייסטיגע עטאפן, וועלכע איך האב דורכגעמאכט אויפן וועג פון מיין ציוניסטישער אנערקענונג, מערקן זיך אין מיינע „ציוניס־טישע" שירים אין מיין קליינער רוסישער זאמלונג „געהיימע געזאנגען" (מאסקווא 1919) און אין אייניגע פון מיינע דערציילונגן, ווי „נרות של שבת" און „אורות בלילה".

אלס העברעאישע דיכטערין קאן איך אננעמען נאר איין שאפונגס־ציל, וועלכן איך האב זיך געשטעלט: וויפיל עס איז נאר אין מיין מעגליכקייט צו אנטוויקלען די העבריי־אישע פאעזיע אויף דער נייער העברייאישער אלטעגלעכער שפראך אין דער ספרדישער הברה. וואס דערפאר האב

איך אויסגעמידן אלע פראוון און זוכענישן פון נייע אדער נייסטע פארמען פאר מיינע דיכטונגען, ווייל חשובער פון אלץ איז פאר מיר א לעבעדיקער, נאטירלעך, אפילו אין א שוין לאנג־„אנגענומענער" פארם, העברייאישער שיר, וועל־כער איז אוממיטלבאר שטארק פארבונדן מיט אונזער שפראך און מיט אונזער לעבן. און איך מיין, אז דער לעבעדיגער ספרדישער עברית באזיצט אן אומאויסשעפליכן אוצר פון דיכטערישער שאפונס־מעגליכקייט בנוגע דער פארמעלער זייט, אן אוצר, מיט וועלכן מיר האבן זיך נאך ניט ווי געהעריג אויסגענוצט. איך פערזענליך שאף אין מיינע שא־פונגען ניט דעם „גייסט", וועלכער הערשט אין זיי, ניט מיין „ציוניזם" אדער דעם „סלאוויאניזם" אדער דעם „פרויענ־גייסט", וואס איך האב אריינגעטראגן אין דער העברייאישע פאעזיע. איך שאף נאר אט די איינצעלנע שורות, אין וועלכע עס איז מיר געלונגען, נאך מיין מיינונג צו אנטפלעקן א ביסל מעגליכקייטן. עס איז מיר אוממעגליך סיסטעמאטיש צו באצייכע־נען די ליטעראַרישע השפעות, וועלכע איך האב באקומען. צופיל זענען זיי, און דער עיקר, צו פארשיידענארטיג, און זיי קאנען זיך בשום אופן ניט אונטערווארפן אונטער וועלכע ניט איז כללים אדער שיטות. איך וועל נאר דערמאנען די שריפטשטעלער, וועלכע איך האב געליבט און פארערט אין פארשידענע צייטן און אונטער וועמענס השפעה איך האב זיך געפונען (כראנאלאגיש):—שילער, היינע, לערמאנטאוו, קנוט האמסון, וויקטור הוגא, דיקענס, באלזאק, מ. א. האפ־מאן, דער ענגלישער דיכטער טאמאס מויר און דער פראנ־צויזישער דיכטער אנרי דע רעניע.

פון די רוסישע דיכטער האבן אויף מיר אמייסטן גע־ווירקט פעט און אלעקסאנדער בלאק. פון די העברייאישע שריפטשטעלער — גנעסין און שאפמאן.

אלימלך

# אלישבע

...און עס גיט מיר פרייד די האפענונג,
אז דער פאלק, דער גייסטיק־רייכער,
וועט א טייל מיר ניט פארמיידן
פון די גרויסע גיטער זיינע...
און, אז איך וועל שטארבן — וועט מען
נאך מיין טויט אזוי דאן זאגן:
אט איז זי געווען א פרעמדע
און האט איר היים פארלאזן
ליבנדיג דעם פאלק פון יהודה.

(פון אלישבעס שירים).

אט אזוי רעדט די פאפולערע העברעאישע דיכטערין אלישבע — די צווייטע רות, וואס שטאמט פון די ברעגעס ביי וואלגא. אזוי רעדט די דיכטערין אלישבע, בא וועלכע די רוסישע נשמה איז ארוסגעשטויסן געווארן דורך דער אלץ מעהר און מעהר אין איהר טיף ארייגעדרונגענער אידישער נשמה.

ועמען איז ניט באקאנט דער נאמען אלישבע, וועלכן מען טרעפט שוין אין משך 7—8 יאר אונטער א סך שירים, סקיצן, נאוועלען און דערציילונגן. אין די בעסטע העברעאישע צייטשריפטן, ווי „התקופה", „העולם", „התורן" א. א.

טרעפט מען אפט די שאפונגן פון דער טאלאנטפולער העברעאישער דיכטערין אלישבע. אלישבע איז א לירישע דיכטערין. אין דער צויבערהאפטער שטילקייט פון פאר־בארגענע געהיימע וועלדער, וואס זיינען פארדעקט און פארהילט מיט דעם שיין פון די בלאע נעכט, טרעט צו אלישבע צו איהר דיכטונג. די נאטור איז דער היכל פון דער וועלט, די שטערן זיינען די שבת־ליכט און זי איז די די קעניגין פון מענטשליכער ליבע.

פריער האט אלישבע געשאפן אין דער רוסישער שפראך, און נאך מיט 9 יאר צוריק, אין יאר 1919, האט זי ארויסגעגעבן אין מאסקווא אויף רוסיש צוויי בענדער שירים. אין 13־טן באנד פון „התקופה" האבן זיך באוויזן אירע ערשטע העברעאישע שירים, און פון יאהר 1922 הויבט אן אלישבע צו בארייכערן די העברעאישע ליטעראטור מיט איהרע לידער, נאוועלן און דערציילונגן. אויסער אירע לירישע שירים, וואס זיינען אריגינעל און צייכענען זיך אויס מיט זייער שיינער רייכער שפראך און סטיל, שרייבט אלישבע אויך קריטישע אפהאנדלונגן; אזוי גיט אונז אלישבע אין „התקופה" ארטיקלן וועגן אלעקסאנדר בלאקס שאפונג און דיכטונג, אויך אין „העולם" זיינען געווען געדרוקט ארטיקלן, וועגן דער דיכטונג פון דוד שמעונוביץ.

אין דער ווייטער מאסקווע בייינקט אלישבע נאך א״י און באזינגט די שיינע לאנד, אט וואס אלישבע שרייבט א יאר פאר איר ארויספארן פון מאסקווא:

וואנדערנדיג אין אלע עקן וועלט,
אין פרעמדע שטעט און דורך מדבריות,

היט איהר אין אייער הארצן דעם אבל,
און אויף אייער שטערן איז אויסגעקריצט
דער חותם פון טויזנטער דורות.
און פון אלע ווינקעלעך ציהט אייער נשמה
צו א ווינקעלע, וואס לייכט מיט זכרונות פון קדושה,
און אייער גאנצע האפענונג — אין דעם וואונדערבארן
ווארט «מולדת».

איר רוסישע נשמה האט געזוכט א תיקון און איהר הארץ האט געצויגן צום נייעם א״י. אין רוסלאנד האט זי דעם הימל אויף דער ערד אראפגענידערט, און איהרע שאפונגן פון דער אנטי־העברייאישער קאמוניסטישער מאסקווע צום אידישן פאלק צוגעטראגן, געלעבט און געשאפן אין מאסקווא, נאר איהר נשמה האט געבלאנדזשעט איבער די דופטיקע פעלדער פון יהודה, צו די זון־באגאסענע בליענדע פעלדער, צו די אלטע גראע מיט ליכט־באשטראלטע יהודה־בערג האט איהר געצויגן. און אט מיט דריי יאר צוריק פירט אלישבע אויס איהר חלום. זי פארווירקליכט איהר שטרעבונג פון די לעצטע יארן און פארט אריבער אין דעם לאנד פון די נביאים.

דאס לעבן אין א״י איז טאקע פאר איהר געווארן זייער אינטערעסאנט און אנציענד. זי האט זיך באזעצט אין תל־אביב— אין דער שטאט, וואו העברעאיש איז א שפראך, ניט נאר אין שול, נאר א מוטער־שפראך—אויף יעדען שריט און טריט. דעם „שבת״, נאך וועלכן אלישבע האט געבענקט אין רוסלאנד, און וועלכן זי האט אזוי שיין ארויסגעגעבן אין איהר דער־ציילונג „נרות של שבת״ האט זי דערזעהן אין תל־אביב, וואו ער פארמאגט אזוי פיל שיינקייט און אייגנארטיקייט.

און מיט גרויס שמחה איז זי ווארעם אויפגענומען געווארן אין דער שרייבערישער משפחה. אין א״י גיט אלישבע ארויס א זאמלונג פון שירים „כוס קטנה״, וואס האט זיך געדרוקט דריי מאל און פארקויפט געווארען אין איבער 5000 עקזעמ־פליארן. זי האט זיך אבער ניט באנוגנט מיט איהר דיכטע־רישער טעטיגקייט, ניט צו מאכן א לעבן דערפון וויל זי — ניט קיין קרדום לחפור בה. דאס ניט. זי האט געזוכט צו פארדינען איר שטיקל ברויט און פארנומען א שטעל אלס מאשיניסטקע אין רוטענבערגס עלעקטרישער סטאנציע.

„אין אויפגאנג פון פרימארגן מיט א פריילעכן געזאנג אויף די ברייטע פעלדער פון יהודה, וועט דורכגיין א געשטאלט פון א בונטן שיין — די נאאיווע געשטאלט פון דער בלייכער רות. און א געלעכטער פון גליק וועט שוועבן אויף איהרע איידעלע צארטע ליפן, און פון דער הויך וועט דער הימל לאכן, און א ברכה פון גינגאלדיקע ברענענדע שטראלן וועט שיקן פון די טיפענישן אין הויכן הימל די זון פון יהודה״. אט אזוי פילט און באזינגט אלישבע דאס לעבן אין ארץ־ישראל. מיט א פריילעכן געזאנג, און א שמייכל אויף די ליפן שפאצירט מיט לאנגזאמע טריט די בלייכע רות צווישן די א״י־בערג און זאפט אין זיך אריין די פרישע לופט, אין וועלכער עס זיינען דורכגעוועבט די זכרונות פון אלטע פארלאפענע דורות, — זי האט געפונען דעם תיקון, פאר איהר בייינקענדער, זוכנדער נשמה.

דער גלויבן אין אן אידעאל פון נאציאנאלע אויפ־לעבונג, די ליבע צו דער העברייאישער שפראך, און דער

ציוניסטישער געדאנק האבן אויף איר געווירקט צו ווידמען זיך דער העברעאישער שאפונג, צו וועלכע זי האט געש־טרעבט. זייער שיין שילדערט אלישבע איהר קומען צום ציוניסטישן באוואוסטזיין אין איהר קליינער דערציילונג „אורות בלילה". עס איז אינטערעסאנט צו באמערקן, אז ווען די אידישע עמיגראנטן האבן זיך צונויפגיפארן אין ריאזאן, האט אלישבע אנ־געהויבן זארגן פאר די אידישע קינדער און האט ארגאניזירט קורסן, אויף וועלכע זי האט געלערענט מיט זיי עברית און תנ"ך. זי האט געזוכט צו פארשפרייטן אין רוסלאנד די העברע־אישע שפראך—די שפראך פון הארצן, דען נאך פון לאנג איז בא איהר געווען א העברעאישער בוך די גרעסטע פרייד בייטאג און אויך „א זיסער חלום באנאכט".

אלישבע שרייבט: „אויב ניט די סך שוועריקייטן, וואס זיינען מיר אריבער בירושה פון מיינע קריסטליכע עלטערן און אויב ניט מיין נאכלעסיקייט, וואלט איך קענען א סך מער אופטאן פאר דער העברעאישער ליטעראטור".

נאר עס איז אבער אויך קיין וואונדער ניט, וואס אלישבע שרייבט אין אזא קורצער צייט אזא שיינעם, ריינעם און זאפטיקן העברעאיש, אין וועלכן זי דריקט אויס די טיפסטע און איידלסטע געדאנקען, ווייל א גרויסע נטיה און פעאיקייט האט אלישבע צו שפראכן: רוסיש, דייטש, ענגליש, פראנזצויזיש, איטאליעניש, אידיש און העברעאיש, און שטענדיג זיך פארנומען מיט איבערזעצן שפראכן.

און אט פון דער יעליזאוועטא זשירקאווא איז גע־ווארן די גרויסע העברעאישע דיכטערין אלישבע, וואס האט אזוי ווי רות אויסגעשריגען די ווערטער: „עמך עמי ואלהיך אלהי", וועלכע דינען איר אלס מאטא פאר איהר בוך שירים מיטן נאמען „באהאלטענע ליעדער".

ר. רובינשטיין.

# פון מואב קיין יהודה

(צום אלישבע׳ס באזוכן קאונע)

אויפן שטויביקן וועג פון מואב קיין יהודה האבן זיך אפגעשטעלט דריי פארמאטערטע און אין טרויער געהילטע פרויען. זאגט די עלטערע:

— קערט זיך אום, מיינע טעכטער! צו וואס זאלט איהר גיין מיט מיר? איך האב שוין מער אין מוטער־טראכט קיין קינדער ניט. איר וועט ביי מיר קיין מענער ניט האבן. מיר איז זייער ביטער, קינדערלעך, גאטס האנט האט זיך אויף מיר געלייגט.

האבן זיך די פרויען פונאנדערגעוויינט, זיך צוקושט און איינע פון די יונגע האט זיך אומגעדרייט און אוועק צוריק קיין מואב־לאנד.

רות איז געבליבן. און זי האט געבעטן רחמים:

— בעט מיר ניט, מוטערל, איך זאל דיר פארלאזן. ניין, וואהין דו וועסט גיין — וועל איך גיין, וואו דו וועסט נעכטיקן — וועל איך נעכטיקן; דיין פאלק — איז מיין פאלק, און דיין גאט איז מיין ג׳. וואו דו וועסט שטארבן — וועל איך שטארבן. זאל גאט מיר אזוי געבן

געזונט, ווי נור דער טויט וועט פונאנדערשיידן צווישן מיר און דיר!...

זיינען זיי ווייטערביידע געגאנגען...

און ווען בועז האט איהר, די באשיידענע, צניעות׳דיקע, אין שטילע נשמה־פלאמען פארזונקענע מואב־טאכטער אויפן פעלד באגעגנט, — האט ער איר געזאגט:

— מ׳האט מיר דערציילט וואס דו האסט געטאן מיט דיין שוויגער־מוטער נאכן טויט פון דיין מאן. דו האסט פארלאזן דיין פאטער און מוטער, דיין געבורטס־לאנד. דו ביסט אוועק צו א פאלק, וואס דו האסט איהם ניט געקענט ניט נעכטן, ניט אייערנעכטן, זאל דיר גאט באצאלן פאר דיין אויפטו, זאל גאנץ זיין די באלוינונג פון ישראל׳ס גאט, וואס דו ביסט געקומען זוכן א שוץ אונטער זיינע פליגלען...

*

אויף אונזערע שטויביגע וואנדער־וועגן איז צו אונז די שטילע, עניוותדיקע רוסישע פרוי געקומען. פון די אומענדליכע רוסישע שטרעקעס, פון א עכט־רוסישער אינטעליגענטן־משפחה. איהר, די פארטרוימטע, צארטע דיכטערין, האט ערגעץ־וואו די אידישע שכינה מיט איהר פליגל באריהרט און יעליזאוועטא זשירקאווא איז פון דאס ניי געבארן. געווארן, צו א נייעם לעבן אויפגעשטאנען, אין די קלארע קרישטאל־וואסערן פון ישראל׳ס גייסט זיך אפגעטובלט און האט זיך א נייעם נאמען איינגעשאפט:

א ל י ש ב ע !

איז דאס א וואונדער — אט דער געהיימער שפרונג־

וועג פון גייסטיקע איבערברוכן און הייליקע נשמה־לעכצעניש. די פיר־קאנטיקע אותיות האבן איר הארץ געפאנגען. דער תנ״ך, די אידישע שעפערישע גייסטער האבן אויף אירע דיכטערישע חלומות זייער ראזן אפשיין געווארפן. און די רוסישע דיכטערין זשירקאווא האט אין זיסער געפאנגענשאפט און כלות־הנפשדיקער בייִנקשאפט אין העברעאישע לידער זיך צעזונגען. אירע קליינע העפטלעך שירים הייסן: ״כוס קטנה״ און ״חרוזים״. צארטע, לירישע לידער־טרוימען. שטילע געזאנגען. קיין הויכער קול, קיין אויסגעשריי, קיין אויפברויז. גלאטע דורכזיכטיקע, געטאקטע שורות. קלאגט זיך די דיכטערין: ״מיין נשמה איז פארלארן געגאנגען. און איך בייִנק נאך איהר, און איך ווייס ניט, וואו איך קען זי געפינען, צי אין וואלד, צי אין טאל״. זוכט זי איהר נשמה אין די טונקעלע באהעלטענישן פון וואלד, אין די שטחים פון די האריזאנטן, אין שטילן לעבען פון טייכל, אין די פארווארפענע שטע־געלעך, וואס שלײנגלען זיך איבער פעלדער, אין הארבסטיקן בלעטער פאל... און אט געפונט זי איר בלאנדזשענדיקע נשמה און זי דערציילט: ווייט — ווייט איז זיך א יונגערמאן געזעסן איבער אן אלטן בוך און האט מיט א פארצייטיקן נגון געלערנט. און דער טרויער־נגון האט זיך דערקייקלט צו א ווייטער שטאט און איז דאס וויגליד ביי איהר שטילן שלאף געווארן. און דעמאלט האבן איהר די שטערן געבענטשט מיט דער שלום־בשורה פון די ערב־שבת׳דיקע פארנאכטן.

זי האט איר נשמה אין ארץ־ישראל געפונען, אונטער די ברענענדיקע שטראלן פון דער אידישער זון. און דער אפגלאנץ פון די הייליקע שבת־ליכט שימערירט אין אירע אויגן...

יהודית העלפער

# די ליריק פון אלישבע

מיט א פרישער לעבנס־לוסט, לייכטקייט און צארטקייט איז אנגעזאפט די ליריק פון דער דיכטערין אלישבע.

איהרע שירים זיינען צניעות'דיקע און אמת'ע. עס פילט זיך אין זיי ניט קיין זשעסטן און פראזן, קיין שום איבערגעטריבנקייט און אומנאטירליכקייט. איר ליריק פליסט פון די טיפעניש פון דער צארטער פרויען־נשמה. א טרייסט, אן אפרו געפינסטו אין אירע לידער. ס'דוכט זיך דיר, אז עפעס א ווייכע ווארעמע האנט גלעט דיר אזוי צארט, אזוי הארציק.

אט בלעטערסטו אירע קליינע ביכעלעך לידער, און ס'דוכט זיך דיר, אז דו ביסט אריינגעגאנגן אין דעם פארכשופ'טן גארטן פון דער דיכטערין־פרוי. אט שפאצירט זי זיך אזוי לאנגזאם, טרוימעריש צווישן אירע זכרונות־בייטן און רייסט דארט אזוי גראציעז־ווייבליך אירע בלומען־לידער און די ווייסע ליבע־ליליען גיט זי א מתנה פאר ביינקנדע, פאר'חלומ'טע מיידלעך און נאאיווע אינגלעך. איידעלער נשמה־ציטער, צארטע אומעטיגע פרויען איבערלע־

בונגען, לייכטע ליבע וועלן, וועלכע גלעטן אזוי ווארים— דאס זיינען די אקארדן אין דער ליריק פון אלישבע.

די ליבע אין אלישבע׳ס דיכטונג איז ניט שטורמיש, ניט טעמפעראמענטפול און ליידשאפטליך. דאס איז יענע צניעות׳דיגע און העלע ליבע פון א פרוי, וועלכע פליסט אזוי רואיג.

נאר דאס איז די ליבע אהן פרעטענזיעס, וועלכע ענטהאלט אין זיך די פאסיוויטעט און צארטע איבערגעבנקייט פון דער ליבנדער פרוי, וואסווארפט זיך גוטמוטיג אונטער דעם גורל.

אפטמאל שטייגן אריבער די סוביעקטיוו־עגאאיסטישע מאטיוון פון דער ליבענדער פרוי, די אלגעמיין־מענשליכע און זעלישע עלעמנטן פון דער דיכטערין. און דאס איז זעהר כאראקטעריסטיש. גאנץ אינסטינקטיוו זאגט זי דאס ארויס אין אירע לידער. בשעת די פרוי ליבט איז זי אינגאנצן ארייני געטון אין איר אייגענעם גליק. קיין זאך ארט איר נישט און קיין זאך אינטעריסירט איר ניט. זי וויל גאר נישט וויסן וואס ארום איר טוט זיך, וואס ארט איר ווען,

• «הערצער בלאנדזשן און וואקלען זיך אין לעצטן אומעט».

אינסטינקטיוו האט זי מורא איר גליק צו פארטונקלען „אין תהום פון יאוש און ווייטאג”, און נאך מער: זי וואגט אפילו נישט צו אנאליזירן די ליבע פון איר געליבטן, דערוויסן זיך אויב ער ליבט איר באמת, כדי נישט צו שטערן איר אילוזיע, וואס איז אזוי וויכטיג און טייער דער פרוי.

דאס איז די טראגעדיע און אפשר אויך דאס גליק

פון דער שוואכער און צארטער בת־חוה.

אויך דער איידעלער, טיפישער פרויען־צער אטעמט אין דער ליריק פון דער דיכטערין, ביי איהר שפירט זיך נישט אט דער שווערער יאוש, דער דריקענדיגער קומער — נאר וואו־נישט־וואו שווימען אויף לייכטע אנטוישונג־וואל־קענדלאך, אומעטיגע נשמה קלאנגען. אפטמאל הערט זיך דער ציטער פון א פאריתומטער נשמה־סטרונע, וועלכע דער־ציילט וועגן איינזאמען יחיד אין דער וועלט.

צווישן די שאטנס פון עבר, צווישן די אראפגעפאלנע בלעטער וועל איך בלייבן איינזאם אליין».

אזוי ציטערט איר ליד. אבער דאך לאזט זי זיך ניט באהערשן פון דער שווערער איינזאמקייט און פון דער טיפער מרה־שחורה. ווייל אלישבע איז א געזונט־פריש קינד פון נאטור, אין שויס פון דער נאטור ווערט זי גאר אן אנדערע, רירעוודיקער, יוגנטליכער, לעבעדיקער, דארט האט זי אזוי פיל פריינט. אין דער נאטור געפונט זי תמיד א טרייסט. די פארשידענע נאטור־דערשיינונגען ווירקן אויף איר דיכטונג: אז די זון לייכט — שפירט זי עפעס א יום־טובדיגקייט און לוסטיקייט. און אז די זון איז פארוואלקענט דריקט אויף איהר דער קומער. און דאס איז פארשטענדליך, ווייל אלישבע איז ארגאניש צונויפגעבונדן מיט דער נאטור.

איר ליריק איז פרילינגס־לייכטיקייט, לוסטיגע העלקייט, געזונטע, כמעט קינדערשע פרישקייט, נאטירליכקייט און אמת — און אפט אויך דער לייכטער צער.

ש. האמעלסקי

# אלישבע – די העברעאישע דיכטערין

איהר וועג איז געאגראפיש און פסיכאלאגיש זעהר א קאמפליצירטער: געאגראפיש—פון דער עכט רוסישער שטאדט ריאזאן ביז ארץ ישראל; פסיכאלאגיש – פון אן עכטע קריסטין ביז צו איינע פון די שעהנסטע און באגאבסטע דיכטער אין העברעאיש פון אונזער דור!

ס׳איז שווער ביי איהר צו זאגן, וואס איז געווען א פועל יוצא פון וואס: איהר געאגראפישע איבערזידלונג פון דער פסיכאלאגישעאר רעוואלוציע ביי איהר. אדער פארקעהרט. ס׳איז שווער דערפאר, ווייל לייענט מען איהר קורצע אויטאביאגראפיע און לייענט זיך אריין אין איהרע ווערק, זעהט מען, אז דיביידע „מיגרציעס״ איהרע זיינען געווען גלייכצייטיג און האבן זיך גלייכצייטיג גענערט פונ׳ם זעלבן מקור: פון אן איידעלער קינסטלערישער נשמה.

געוויס: וואלט עס זיך דא געהאנדעלט נאר אין א געווענליכן פאל פון א גר אדער גיורת, וואלט ניט כדאי געווען זיך אויף ז׳עם אפצושטעלן. דאס איז אבער ניט אזוי;

דער פאל „אלישבע" איז מעהר פון א געוועהנליכן אקט פון אימיצן, וואס האט זיך מגיר געווען און מעהר פון א פשוט'ן ליטעראַרישן פאל אליין: דאס איז א העכסט אינטע־רעסאַנטער היסטאָריש־קולטורעלער פאַל, און זיין באַדייטונג ווערט נאָך גרעסער דאַמיט, וואס מיר האָבן אַזאַ עהרליכן פאל ערלעבט איינמאל אין אונזער אוראַלטער געשיכטע: די מעשה רות!

ווער פון אונז האט זיך דאס אין גאַנצן באַפרייט פון דער געשיכטע מיט דער שעהנער פרוי פון מואב, וועלכע האט מיט א סך טויזענטער יאָהרן צוריק ערקלעהרט: „דיין פאלק איז מיין פאלק און דיין גאָט איז מיין גאָט"! די שעהנע מעשה, וואס האט אַזוי באַצויבערט אַסך פון אונז אין די קינדער־יאָהרן מיט איהר אייגענאַרטיגער פּאָעזיע, האט אויך אַצינד, אין אונזערע צייטן, ווען מיר זעען עס מיט אונזערע אויגן, ניט פאַרלאָרן קיין האָר פון איהר שעהנהייט און איהר רייכקייט: אין דעם פאל האט „ווירקליכקייט" נאָר באַרייכערט און פאַרשעהנערט די „לעגענדע", פשוט דערפאַר, ווייל די היינטיגע רות פון אונזער דור איז איינע פון די שעהנסטע, וואס מיר באַזיצן אין אונזער ליטע־ראַרישן היכל.

אלישבע — איז א דיכטערין, אלישבע איז א דערצעהלערין, אלישבע איז א קריטיק. אלישבע איז אומעטום א קינסטלער. און איהר ווערט פאַר אונז איז ניט אין דעם וואס זי איז געקומען צו אונז פון א פרעמדע וועלט, וואס זי שרייבט אין א שעהן מאָדערנעם העברעאיש, וואס ס'איז איצט כמעט ניטאָ קיין איינציגע באַדייטענדע העברע־

אישע אויסגאַבע, וואָס זאָל ניט זיין באַשיינקט מיט איהר נאָמן. אויב ניט אין דעם, וואָס „געזאָגט־געטאָן”: געוואָרן אַ העברעאישע דיכטערין — איז מען אַריבער קיין ארץ ישראל.

ניין! ניט נאָר אין דעם אַליין, נאָר אין אַן אַנדערער, אַ פיל פשוט׳ער און אַ פיל גרעסערע זאַך. אין דעם, וואָס זי האָט אונזער נשמה, וואָס זי האָט אַזוי פיל געמיינזאַמס מיט אונזער גורל, אין דעם, וואָס דאָס איז געווען איינע פון די „נשמה ערטילאָות”, וועלכע האָבן אַזוי לאַנג און אַזוי ביטער געזוכט אַ מקום מנוחה ביז זי האָט געפונען איהר תקון — און האָט זיך באַרוהיגט.

„באַרוהיגט”?

מיר פיהלן, אַז דאָס וואָרט איז ניט אויפ׳ן ריכטיגן פּלאַץ: אלישבע די דיכטערין האָט זיך ניט באַרוהיגט. אָבער איהרע שמערצן און איהרע זוכענישן זיינען איצט, נאָכדעם ווי זי האָט זיך „געפונען” געוואָרן גאָר אַנדערע, פּראָדוקטיווער, מעהר דיכטעריש און ווענינער קרענקליכע!

אָבער צוערשט — אַ פּאָר ווערטער פון איהר ביאָגראַפיע, וועלכע זיינען נויטיג כדי די אידישע לעזער־וועלט זאָל האָבן אַ באַגריף פון דעם וואָס אַזוינס איז דאָ פאָר־געקומען.

אלישבע איז געבוירן געוואָרן אין יאָהר 1888 אין ריאַזאַן. איהר פאָטער איוואַן זשירקאָוו איז געווען לכתחילה אַ לעהרער אין אַ דאָרפישער פאָלקס־שול. בעת די יונגע עליזאַוועטאַ איוואַנאָוונאַ זשירקאָווא, די טאָכטער פון גריכיש־קאַטוילישע עלטערן אין רוסלאַנד, איז אַלט געווען דריי

יאהר איז געשטארבן איהר מוטער, וועלכע האט אליין געשטאמט פון ענגלאנד. זי האט זיך דאן ערצויגן בא איהר מוטערס א שוועסטער אין מאסקווע, וואו זי האט געענדיגט גימנאזיע און די פעדאגאגישע קורסן. שוין אלץ 19 יעהריג מיידעל האט זי אנגעהויבן שרייבן שירים אין רוסישע זשורנאלן און אויך ערצעהלונגן. ביז זי איז געקומן אין אונזער וועלט, האט זי געשריבן בערך א צוויי הונדערט שירים אין רוסיש. און אט אין דער זעלבער צייט אלץ 20 יאהריגע מיידעל מיט א נאמן אין רוסיי׳שער פאעזיע, איז אלישבע „ארייינגעפאלן": זי האט אין מאסקווא פארקעהרט אין אידישע קרייזן, האט גע־האט אידישע חבר׳טעס, באזוכט די אידישע סביבה. א פרוי מיט א צארטע נשמה און מיט געפיהל פאר אלץ, וואס איז פאר איהר ניי, האט זי, די ריאזאנער עיליזא־וועטא איוואנאוונא, אנגעהויבן אינערליך זיך פאראינטערעסי־רן מיט דער אידישער וועלט, מיט דעם אידישן לעבן. פאר איהר, וואס האט דאךבאקומן א מין אינטערנאציאנאלע ערציהנוג ביי איהרע דארפס־עלטערן, איז אלץ געווען ניי און „אינטערע־סאנט, קענענדיג דייטש — האט זי זיך לייכט אויסגעלערענט אידיש. איי וואס די אותיות וואס זיינען ניט קיין לאטייניש? — מילא; א שטארקער ווילן פון איין זייט און א גוטער צופאל פון דער צווייטער זייט — און אויך די דאזיגע ריין־פארמעלע שוועריגקייט איז איבערוואונדן געווארן: דער צופאל איז געוועזן — איהר אייגענער ברודער, א געלערנטער אריענטאליסט. ער האט עס איהר גיגעבן א דקדוק— און זי האט געלערענט מיט חשק און מיט החמדה.

זיך אויסגעלערנט אויף טשיקאווע אידיש, האט זי זיך אבער אפט אנגעשטויסן ביים לייענען און הערן די שפראך אויף עפעס משונה׳דיגע ווערטער: דוכט זיך, די זעלבע אותיות און די זעלבע שפראך — אבער דאך ווי ניט פארשטענדליך. דאך גאנץ אנדערש. דאס זענען געווען די העברעאישע ווערטער אין דער אידישער שפראך. און דאן — איין שריט ווייטער: פון אידיש צו העברעאיש — און זיך אויסגעלערענט די „שפראך פון די נביאים״. ערשט דא האט זיך פאר איהר דיכטערישע נשמה אנטפלעקט א רייכער אוצר. דאס איז געווען אין יאר 1917 — און אין דריי יאר ארום — 1920 — שרייבט זי שוין איהר ערשטן שיר אין העברעאיש! און זי האט זיך ערנסט גענומען פאר דער עבודה: איידער זי האט אנגעהויבן שרייבן אריגינעלע שירים אויף העברעאיש, האט זי איבערזעצט אויף רוסיש: ביאליק, שאפמאן, גנסין, ברנר.

די עפאכע 1917־1918 איז געווען די בליהצייט פאר דאס רוסישע אידענטום און פאר דעם נאציאנאלן געדאנק אין רוסלאנד — און אלישבע באזוכט מיט קנאות די העברעאישע קרייזן. די ציוניסטישע סביבה אין מאסקווא, רעדט נאר העברעאיש און אינסטינקטיוו גרייט זי זיך. צו וואס? וואוהין? אה, זי פיהלט שוין צו וואס און וואוהין? — און איהרע געדיכטן דערצעהלן אונז מכח דעם א סך.

שוין אין איהרע רוסישע שירים, געזאמעלט אין דעם קליינטשיקן ספר׳ל „טאינייא פעסני״ (געהיימע לידער) דערציילט זי וואוהין עס האט זי תמיד געצויגן. דא שוין זעהן מיר א מאדנע שטארקע בענקשאפט. א מאדנע זוכעניש,

ווי אזוי ארויסגעהן פון דער אייגענער וועלט, וואו די דיכטערין פיהלט זיך פרעמד. אט שרייבט זי אין איהר א שיר בזה הלשון (אויף רוסיש):

„מ'האט גענומען מיין נשמה און
פארווארפן זי ווייט."
„מ'האט זי באפריינדעט מיט א פרעמדען טרויער..."
„איך בין אפרעמדע פאר מיינע אייגענע —
און די פרעמדע דארפן מיך ניט..."

איהר זוכעניש און בענקשאפט זיינען געווען זעהר שטארק אין דער צייט, וואס אין רוסלאנד האט זיך אונגעהויבן דער גרויסער כאאס, און ווען לארד באלפור האט מודיע געווען זיין דעקלאראציע וועגן דעם אידישן ארץ ישראל; איהר שיר, וואס איז געווידמעט אט די צוויי ערשיינונגען איז פול מיט וועה פון א צעריסן הארץ, וואס קלאגט אויף דעם גורל פון דעם אייגענעם לאנד און איז פול מיט קנאה און מיט שמחה פאר דעם אויפסנייט געבוירענעם לאנד און איז פול מיט קנאה און מיט שמחה פאר דעם אויפסניי געבוירענעם אלטען פאלק ישראל. זעלטן אפילו ווען א איד האט זיך אין די לעצטע יארען אזוי שארף געשטעלט די פראגע, וואס קאן זי אזוינס אויפטאן אין דער רגע, זי בעט זיך, בעט זיך רחמים, אז לאנד און דאס פאלק ישראל זאלען ניט „אפשטויסן איהרע טרעהרן ווען, מיט א פרעה־ליכן גרוס, וועל איך מיך קניען ביי דיינע טויערן, א, ציון!".

צו אלץ, וואס זי געהט צו, דערנעהענטערט זי זיך מיט דעם געפיהל פון א מענשן, וואס איז תמיד אין דעם צושטאנד און אין דער ערהויבענער שטימונג צו „באגריסן

דעם שבת פון הארץ״.

דער דאזיגער פארגלייך איז ניט קיין צופאל ביי איהר: זי איז תמיד און כסדר נאר ״הארץ״ און נאר ״שבת׳־דיג״: ניטא קיין וואכעדיגער לעבן, אלץ איז יום־טוב. שבת — אבער ניט אין דעם סנאביסטישן זין פון דעם ווארט, נאר אין דעם לויטערן, העכערן זין.

איהר וועלט באשטעהט אין גרינס, אין וועלדער, אין הימעל, אין ראמאנטיזם פון א שבת, אין ראמאנטיזם פון א שאפענדיגן שבת: שבת של יצירה!

בכלל, פארנעהמט שבת א בעזונדער באדייטענד פלאץ ביי אלישבע. ניט דער טראדיציאנעלער שבת אלס א פאקט איז ביי איהר אזוי הייליג, ניט דער רעליגיעזער ראמאנטישער עלעמענט, נאר דער סימבאלישער זין פון שבת: שבת איז פאר איהר עפעס אזוינס, וואס סימבאליזירט מיט זיך די רוה, דאס שטילע. ניט דאס טויטע, נאר דאס לעבעדיג־רוהיגע, וואס דריקט זיך אויס אין דער שבת׳דיגער שכינה. שבת איז פאר אלישבע אויך דער אויסדרוק פון איהרע אינטימע געפיהלן: רעדט זי פון איהר ליבע, אנטפלעקט זי איהר פרויען נשמה — געפינט זי ניט קיין אנדער פארגלייך, ווי מיט שבת און די שבת־ליכט מיט זייערע דינע פייערלאך זיינען די סימבאלן פון איהרע פינקעלנדע געפיהלן. און גענוי ווי די נאבעלע רוה פון דער מלכה שבת, אזוי זענען אויך די געפיהלן און די איבערלעבענישן פון דער דיכטערין אלישבע: רוהיג, נאבעל, ערהאבן. כאראקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט איהר ערצעהלונג ״נרות של שבת״. פאר איר איז דער שבת גענוי

אזוי ווי איהרע אייגענע געפיהלן — עפעס אזוינס, וואס האט אין זיך דעם כח לעבעדיג צו מאכן דאס, וואס שיינט דער ארומיגער וועלט ווי טויט, אפגעלעבטעס. און דער־פאר טאקע איז ביי איהר אזוי שטארק די בענקשאפט צו איהר אייגענעם שבת: „דו ווייסט — זאגט די קריסטלעכע העלדנע צום העברעאישן לעהרער חיים לערנער, דו ווייסט אז איך האב תמיד ליב געהאט מיינע שבת־ליכט ניט ווייניגער ווי דו: און פון דעסטוועגן זיינען זיי ניט מיינע, ווייל ניט איך צינד זיי אן יעדען פרייטאג אויף דער נאכט, זיך ווארעמען תמיד ביי דעם פייער פון פרעמדע ליכט — ווי ארעם איז אזא גורל! און פון דעסטוועגן! צי האב איך דען פארלוירן מיין אייגענעם שבת? מיין שבת עקזיסטירט!" („נרות של שבת" 95—96).

רוהיג איז אלישבע אין די שילדערונגן פון איהרע איבערלעבונגן און איהרע עלדינען. ווייל אלישבע איז אין תוך א טיף־עלעגישע נשמה: אין איהר טרויער, ווי אין איהר שמחה איז ניטא קיין ברויזענדיגע מאמענטן. צניעות, חן—און אהן קאקעטעריי. אינטים און דאך אזוי קלאהר, ליריש — און ניט ווייבליך ווייך. צארט — און ניט סענטימענטאל. אזוי איז זי אין איהרע בענקשאפט־לידער און אזוי איז זי אין איהרע לידער, וואו זי האט זיך געפונען: אין איהרע ארץ־ישראל לידער! אין איהרע לידער זיינען ניטא קיין וועלט־פראבלעמן און קיין לעבענס־פראגען. איבערלעבונגן, געפיהלן — יא. און טאקע זעהר א סך, און טאקע זעהר פיינע און צארטע. זי איז א פרוי — און בלייבט זיך טריי! הגם זי אליין ווענדעט זיך געגן דעם, וואס מ׳וויל ביי

איהר גְעפונען — דאס אייביק־ווייבלעכע. אבער דאס איז דאך אזוי: זי מאכט ניט קיין טראגעדיעס, זי איז און לעבט מיט דעם מאמענט, מיט איהרע חלומות (ווי אפט באגעגנען מיר דעם דאזיקן ווארט אין איהרע לידער!), מיט איהרע בענקשאפט און זוכענישן. זי זוכט אלץ: אי יוגענד, אי פריהלינג, אי א פאטערלאנד. דאס גרויסע רוסלאנד איז אבער צו קליין געווען פאר איהר — און זי האט איהר פאטערלאנד געפונען אין דעם קליינעם ארץ־ישראל! מיט דער געזונדקייט פון א קינד פון א פאלק, וואס האט דאך געהאט דאס גליק צו געבוירן ווערן און צו אויס־וואקסן אין א פאטערלאנד, האט זי אין זיך אויפגענומען דאס נייע פאטערלאנד: ארץ־ישראל! זי רעדט פון „די הימלען פון מיין גלות." פון דעם, אז זי איז געווען „די אייביגע כלה (די פרוי!) פון דעם, וואס האט ניט געלעבט."
איז זי אין ארץ ישראל, איז איהר ליריק נאך מעהר רוהיק, זיכערער. די אויסדרוקס־פארמן איהרע זיינען לייכט און מוזיקאליש. אין ארץ־ישראל רעדט זי פון דעם ים און זי גיט א וואונק אז:

„ווי דער צער־אויסדרוק אין די אויגען —
„אזוי איז אין מיר באהאלטען דער
סוד פון מיין עברו!"

דאס איז קורץ, שארף, פיין און איידעל!
אויף וויפיעל זי איז פריהער געווען זוכעניש און בענקשאפט, אויף אזוי פיעל זאגט זי אצינד:

„מיין טאג — איז פאר מיר אפען".
קלאהר...

„און מיין פאנטאזיע ווערט א ווירקליכקייט".

ווי ווייט איז דאס פון דעם מיט וואס זי ענדיגט איין ליד איהרס אין מאסקווא:

„ושוב דבר האמתי רחוק

„ולא הושר השיר"

(און דער אמת איז ווידער ווייט,

און דאס ליד איז ניט געזונגן).

ווי די געפיהלן איהרע און ווי איהר גאנצע וועלט־אנשויאונג איז אויך איהר שפראך א לייכטע, א גרינגע, א מאדערנע! דאס איז דערפאר, ווייל אלישבע איז געקומן צו אונז אנגעזאפט מיט א טיפן געפיהל פאר לעבעדיגע שפראכן און בעיקר דערפאר — ווייל זי איז געקומען צו אונז געזונט! אויף דעם גלייכן וועג און ניט אויף די געסלאך און אומוועגן פון דער השכלה און דער מליצה, די מיט צעבראכענע פראזעס פון די צעבראכענע נשמות! פאר איהר איז העברעאיש א לעבעדיגע שפראך, די שפראך וואס זי האט אזוי ליב — און דערפאר זעהען מיר, אז כמעט אלע איהרע העלדינען האבן צו טאן מיט העברעאיש. אפילו נאך מעהר: דארט ווי זי באריהרט די פראגע פון העברע־איש, פארגעסט זי אפט, אז זי איז „נאר" א דיכטערין און זאגט מוסר פאר דער ניט נארמאלער באציהונג צו דער שפראך מצד איהרע העלדינען: דאס שאדט טאקי דעם קינסטלערישן ווערט פון איהרע ספורים — אבער דאס געפיל פאר העברעאיש איבערוועלטיגט זי זעהר שטארק. דאס איז איהר גאט, דאס איז איהר פאלק — און איהר ליד איז ווי א שטילע תפילה צו גאט.

דער פאר טאקי לייענט מען זי אזוי גערן. דערפאר טאקי געפינען איהרע לידער־תפילות אזא טיפן אפקלאנג ביי יעדן לעזער.

רות המואביה פון די אמאליגע צייטן איז געווארן די פרוי, פון וועלכער עס האבן אפגעשטאמט אונזערע מלכים – מיט דוד המלך אין דער שפיץ.

ווער ווייס: אפשר איז דאס פידעלע פון אונזער מלך דוד אריבער בירושה צו רות פון דעם צוואנציגסטן יאהר הונדערט?

מיר גלויבן אין דעם.

ג. גרינבלאט

# א ל י ש ב ע

די נײַ־העברעאישע ליטעראטור פארמאגט נאך דערווייל א גאנץ קליינע צאל פרויען שריפטשטעלערינס.* אויף וויפל מיר איז באקאנט האבן מיר בסך הכל פיר־פינף שריפטשטעלרינס, ווי ד״ר חוה שפירא, חמדה בן־יהודה, דבורה באראן, נחמה פוחאצעווסקי, זינא רבינוביץ און איין פארטייאישע שזורנאליס־טין רחל קאצנעלסאן.

די דאזיגע ערשיינונג איז א גאנץ פארשטענדליכע, ווייל די אידישע פרוי איז ביז ניט לאנג געווען זייער ווייט פון העברייאישן רענעסאנס, די אסימילאציע האט געהאט א סך מער שליטה אויף די אידישע פרויען ווי אויף די מענער. מאדערנע העברייאישע ליטעראטור האט ביי איהר אנהויב אפילו קיין לעזערין כמעט ניט געהאט, און דאס האט זיך געלאזט מערקן און פילן אין דער ליטעראטור. פארשידענע העברעאישע בעלעטריסטן און דיכטער האבן ניט איין מאל אויסגעדריקט זייער פארדרוס דעריבער און אויב אפילו דער העברעאישער לעזערין־קרייז איז געווען אזוי בעגרענעצט, איז א פשיטא שוין די שריפטשטעלערין.

מיט׳ן אריינדרינגן פון דער העברייאישער קולטור

* געשריבן אין יאהר 1923.

אין ברייטע אידישע לעבענס־שיכטן, מיטן אויפוואוקס פון דער העברייאישער קולטור אין ארץ־ישראל, וואס האט געשאפן א דור לעזערינס, מיט דעם אויפשטעלן פון העברייאישע שולן, וועלכע האבן ארויסגעלאזן פון זיך א היבשע צאל לעזערינס פון העברייאישן ווארט — איז די לאגע געענדערט געווארן. ביי היינטיגן טאג האבן מיר שוין אין די פארשידענע אידישע קבוצים א סך פרויען, וואס זיינען צונויפגעקניפט מיטן העבראיש, לעזן און שרייבן פריי העבראיש.

דאך איז די צאל העבראישע שריפטשטעלערינס, ווי געזאגט, א גאנץ קליינע און אויב פרויען שרייבערינס האבן מיר דאך עטוואס, איז קיין דיכטערינס בא אונז לגמרי ניטא. פון דער פערפאסערין פונם באוואוסטן ציון־ליד „אל טל ואל מטר" שרה שפירא, האט זיך בא אונז ניט באוויזן קיין דיכטערין אין העבראיש.

די שריפטשטעלערין זינא ראבינאוויץ, וואס האט אנגעהויבן איהר ליטעראַרישע קאריערע מיט שירים, געדרוקט איינצעלנע לידער אין מאסקווער „העם" און אין דעם קינדער זשורנאל „שתילים", איז באלד אריבער אויף פראזע.

עס איז אלזא א גאנץ קענטיגע און וויכטיגע ערשיינונג אין דער העבראישער ליטעראטור — די העברייאישער דיכטערין אלישבע, וואס האט זיך באוויזן מיט דריי יאהר צוריק אין פארשידענע העבראישע צייטשריפטן, איבערהויפט אין „התקופה", וואו אלישע האט אויסגעדריקט גאנצע ציקלן ליריק. נאר אויב די העברייאישע דיכטערין אלישבע איז פאר דער העבראישע פאעזיע א נייס, ווייל סוף כל סוף איז זי די ערשטע אין די איינציקע העברייאישע דיכטערין פון

פון אונזער ליטערטור — איז דאס עצם פערזענ־ליכקייט פון אלישבע נישט בלויז א נייס פאר דער העברעאישע ליטעראטור, נאר א וואונדער פאר אונזער לעבען. מיר האבן אין דער פערזאן פון די העבראישער דיכטערין אלישבע א מערקווירדיקען היסטארישן צופאל, וואס איז ממש א רעטעניש, א פסיכאלאגיש פראבלעם.

ווייל ניט פיל פון די ברייטערער העברייאישע לעזער־קרייזן, וועלכע זענען ווייט פון די ליטעראַרישע צענטערן ווייסן, אז די דאזיקע אלישבע איז ניט מער ווי א פסעוו־דאנים פון דער רוסישער פרוי עליזאוועטא איוואנאוונא זשירקאווא, וואס האט ביז פאר דריי־פיר יאהר צוריק געשריבן רוסישע לידער און נאר מיט א יאהר דריי צוריק האט זי אויסגעדרוקט איהר ערשטן העברעאישן שיר.

מיר האבן, אלזא, פאר זיך א פאקט, וואס איז כמעט ניט באקאנט אין אונזער געשיכטע, דאס א מענש פון א פרעמד פאלק זאל זיך גייסטיג, ארגאניש צונויפגיסן מיט העברעאיש, ארייַנדרינגן אין די טיפענישן פון דער שפראך אין ליטעראטור ביז צו זיין אומשטאנד שרייבן אין דער דאזיקער שפראך הארציקע, אינטימע, צערטליכע לידער, ווי אלישבעס.

אז מיר לייענען אלישבעס לידער, ריינע לירישע לידער פון א שיינער איינזאמער נשמה, וואס איז פול מיט שיינעם אומעט, מיט צערטליכע דופטיגקייט, מיט אזא שטילן צניעות־דיקן חן פון א לירישן פרויען־געמיט, און אז דאס אלץ איז אריינגעגאסן אין געטאקטע, פליסיקע העברעאישע חרוזים, — שטוינט איהר פאר דעם דאזיקן רעטעניש, ווי א

פרעמדע איז אריין, אריין צערטליך שטיל אין היכל פון אונזער שירה און געווארן היימיש־פריי, אזוי צונופגעקניפט, פונקט ווי מלידה ומבטן.

און לייענדיג אלישבעס לידער טראכסטו, וויפל ליבע, וויפיל קדושה און חן אלישבע האט אריינגעלייגט אין העברייאיש, מיט וואס פאר א קאלאסאלע ענערגיע, מיט וואס פאר א יראת־הכבוד איז זי צוגעגאנגען צו א העברייאישן ווארט – אז זי האט אין עטליכע יאר אזוי באהערשט אונזערע שפראך־פעסטונגען.

אלישבע איז די מאדערנע רות, זי האט וועגן איהר געזונגען נאך פריער, אין רוסיש ; דאס בילד פון רות האט קענטיג לאנג געשוועבט פאר אירע אויגען.–

ד״ר ירמיהו פרענקעל

# די ערשטע נאציאנאלע גיורת *

פארגיב, אונזער שוועסטער אלישבע — פון איהרע לידער, צו דערקאנען, אז א גוטע איז זי און פארגיבן קאן זי — פארגיב אויך מיר, איינעם פון איהרע פארעהרער אין די גאנצע צייט פון איהר ארבייט אויפ׳ן פעלד פון העבראישן ליד. פארגיב — וואס כ׳וויל אין מיין יעצטיגען ארטיקעל מעהר רעדען פון דעם מינדערווערטיגען וואס אין איהר און אסך וועניגער וועגען דעם עיקר — וועגען איהר גרויסן דיכטערישן טאלאנט. זיכער, אז דורך דעם וועל איך פארלעצן איהר געבענשטן געשמאק און כ׳באגעה אנ׳עולה אקעגן איהר, אבער כ׳טהו עס צוליב אנ׳אינווענינגסטן דראנג און — פארגיב דיכטערין.

איך פערשטעה די טראגיק פונ׳ם קינסטלער, ווען מענשן שטעהן ארום זייער שאפן — די פארקערפערונג און ענטדעקונג פון די וואונדערבארע מוזיק, וואס קלינגט אפ אין די באהעלטענישן פונ׳ם הארץ — לויבען די ראהם, דאס אויסענווענינגסטע, וואס דאס געמיינזאמעס צווישען דעם און דעם קינסטלער איז נאר א צופעליגע. און דער שעפער, ער זארגט דאך נישט נאר פאר זיך אליין, אויך פאר די

---

* פון א רעדע אויף «אלישבע פייערונג» אין לאדז, 20 פברואר 1927.

צוקונפט. „אין וואס וואלט געווען — פרעגט זיך אליין אלישבע די שעפערין — ווען כ׳וואלט נישט געווען קיין פרוי און גיורת דערצו, צווי זעלטענע ערשיינונגען אין דער העברעאישער ליטעראטור — צי וואלטן דעמאלט מיינע לידער און ערצעלונגען געווען פארפאלן געווארן אין די פערגעסנהייט און וואלטן נישט ארויסגערופן דאס מינדעסטע פאראינטערעסירונג? צי רעדען זיי נישט פאר זיך אליין, נאר דארפן די אונטערשטיצונג פון סענסאציע, וואס אין לעבען פון די קינסטלערין?"

און אויב עס קומט ווער פון די מקבלי־פנים, בענטשער און קריטיקער, און הויבט ווידער אן ביי דעם צעטעל לויב־געזאנגן, ביי אלע יענע סענסאציע־אנגעלעגענהייטן אד"ג און פאר די עצם שאפונג גיט ער נאר אפ א „לעק אויפ׳ן שפיץ מעסער" — איז עס נישט מעגליך, אז עס זאל זיך נישט ארייננכאפן אין הארצן פון דער דיכטערין א שאטן פון אומעט — איבערהויפט ווען מיר רעדען פון אלישבע, וועגען יענע שעפערין, וואס אומעט איז דער הויפט־טאן פון איהר נפש, כאטש פון דער צווייטער זייט, פיהלט זיך ארויס פונ׳ם דאזיגן אומעט אזוי פיל לעבנס־פריידיגקייט, פון דעם וואס רופט זיך „העונג אשר בצער", וועגען דעם רעדט זיך ביי איהר אין א וויג־ליד.

און דאך וועט מיר קיינער נישט גלויבן, ווי אויך די דיכטערין אליין, אויב כ׳זאל זאגן, אז פאראן, וואס אינ׳ם שווייגען דריקט זיך אויס אפט מאהל מעהר פארעהרונג, איידער אין טוץ־רייד. די דיכטערין אליין זאגט:

„אין צייט פון ליד — פארשטומט מיין אינוועניג,

און ווען כ׳וויל שוויַיגן — וואונדער צעזינגט זיך אין מיר.
אדער מיט אנדערע ווערטער אינ׳ם זעלבן ליד:

„און מיַין הארץ איז געפאנגען צווישן וואונדער,
און מיַין ליד — צו שטילקייט נאר...

אין די דאזיקע אזוי פשוט שעהנע און געזונדע שורות — אזוי ווי אלץ וואס געהט ארויס פון אונטער איהר האנט — איז באהאלטן א טיפער פסיכאלאגישער אמת. פאראן אמאל, וואס דאס מויל זאגט „ניין־מאָס־רייד”, דאס הארץ אבער איז לעדיג. אדער פאראן, אז דאס הארץ גיסט זיך אריבער די ברעגעס, „געפאנגען צווישן וואונדער”, און נאר דאס שטילקייט איז דער איינציגער אויסדרוק פאר׳ן אנגעפילטן הארץ.

איבערהויפט האט דער דאזיגער אמת זיין זין ווען ס׳וויל ווער ארויסזאגן געפיהלן אויף דער טעמע פון דער לירישער דיכטונג, וואס בשום אופן לאזט זי זיך נישט איבערזעצן אויף דער קאלטער פראזע־שפראך. קריטיקער איבער לירישע דיכטונג — קענען זיין נאר דיכטער אליין, זיי און נישט קיין אנדערע. זיי קענען איבערגעבן די שטימונג, איבערזעצן ליד פון ליד. אבער מיר — מענשן פון פראזע — ווער זענען מיר, וואס מיר זאלן רעדן איבער לירישע דיכטונג? די בעסטע צווישן אונז, זיי זענען וואס שוין אממעהרסטן בבחינת כלים, וואס לאזן זיך אנפילן מיט שעהנקייט. אבער מיר קאנען נישט ווערן די פידעל פאר די לידער פונ׳ם דיכטער. און ווען אויך אונזער הארץ לאזט הערען פידעל־קלאנגען — פעהלט אבער דער דאזיגער פידעל די סטרונעס פון וועלכע ס׳זאל זיך הערן דער ניגון. דערפאר, האלט

איך, איז ווער ס׳רעדט וועניגער אין אזעלכע אנגעלעגענהייטן – טוהט ער דאס ריכטיגע.

אונזער פארעהרונג צו אלישבע איז נישט קיין נייע און נישט פון „כוס קטנה” האבן מיר איהר דאס ערשטע מאל געשעפּט. „כוס קטנה” האט אונז דערגרייכט דעמאלט, ווען מיר זענען געווען שיכור פון איהר דיכטונג. די ערשטע אלישבע׳ס לידער, וואס האבן זיך געדרוקט אין „התקופה” י״ג, זענען געווען פאר אונז עפּעס א מין ענטדעקונג, און מיר האבן נאך דעמאלט נישט געוואוסט ווער עס איז די דאזיגע דיכטערין און וואס זענען איהרע קוואליפיקאציעס. אבער זי האט אונז פעדוואונדערט מיט די נייע שטרעבונג, וואס זי האט אריינגעבראכט אין דער העברעאישער דיכטונג. נישט קוקענדיג אויף איהר פּרימיטיווקייט, האבן געווירקט אויף אונז די דאזיגע לידער ווי א שטראהל פון א נייער זון. א באהאלטן און געהיים ליכט איז געווען אויסגעגאסן איבער זיי. און מיט׳ן לויף פון דער צייט איז פאר אונז קלאהר געווארן נאר א קערנדל פון׳ם דאזיגן סוד, אבער נישט איהר מהות.

*

און צוליב׳ן סוד איז פאר אונז באמת קלאהר געווארן נאר איין קליינער פּרט, אבער א וויכטיגער: א פּרט, אז זי איז געקומען צו אונז פון א ווייט לאנד, פון א פרעמדע אומגעבונג, פון אנ׳אנדערער וועלט – כדי זיך משתתף צו זיין אין אונזער צער, און זיך צו דערקוויקן אין דעם אין אונז באהלטן שעהנקייט, וואס ליגט טיף אין אונזער ווערטעל, אבער וואס מיר טרעטן אין דרעשן עס מיט

אונזערע טריט.

און אויב ס׳איז פאראן א היכל פון העברעאישע דיכטונג — אויב ס׳איז פאראן א געניוש פון אונזער דיכטונג׳ וואס פיהרט איהר אין פארקרימטע וועגען׳ — אין נישט תמיד פארשטענדליכן פאר אונז — צום ציעל׳ האט אונז געטוהן דער דאזיגער געניוש א גרויס לייטזעליגקייט׳ מיט דעם וואס אין זיין עלטער האט ער ענטדעקט פאר אונז די דאזיגע גיורת׳ מיט איהרע נייע שטראמען פאר דער העברעאישער דיכטונג און דערמיט בעגייט און פאריונגערט אונזער ליטראטור.

פאראן ענטוויקלונגס־קייטען אין׳ם גאנג פונ׳ם מענשליכן שאפן׳ און איינע פון אזאלכע גאלדיגע קייטען — די לענגסטע און וואונדערבארסטע — איז די קייט פון דער העברעאישער דיכטונג; די קייט׳ וואס נאר א טייל פון איהר איז אונז באוואוסט. יענער חלק וואס ציהט זיך׳ אהן איבער־האקן זיך׳ פון דבורה נביאה׳ס דיכטונג ביז די פון אלישבע. מיר ווייסן נישט וואס ס׳איז געווען פאר דבורה׳ס דיכטונג— ווען אויך ס׳איז זיכער׳ אז זי ציהט זיך נאך פון פריער און מיר ווייסן נישט׳ וואס עס וועט קומען נאך אלישבע׳ ווען אויך מיר זענען פול האפנונג פאר דער צוקונפט.

די רינגען פון דער קייט האלטן זיך איינער אין דער צווייטער׳ און וואלט געפעהלט איינע — וואלט די קייט נישט געווען קיין גאנצע. נישט בחנם האט אלישבע אנגעהויבן איהר שאפן מיט איבערזעצונגען פון ר׳ יהודה הלוי. איהר געזונטער פארשטאנד האט איהר געוויזן׳ אז זי איז נישט קיין איינזאמע אויף די פעלדער פון צייט.

ר׳ משה חיים לוצאטו – אדם הכהן — יל״ג – ביאליק–טשערניכאווסקי — זיי אלע צייכנען זיך אויס אלס בעשטימטע רינגען אין דער דאזיגער קייט. און כ׳מיין, אז אויך אלישבע בעצייכענט אנ׳ענדע קאפיטעל אין דער דאזיגער דיכטערי־שער קייט.

ס׳וועט אפשר אויסקומען א ביסעל איבערטריבן מיין דאזיגע דיפעניציע אקעגען א דיכטערין, וואס סוף־סוף איז זי ערשט אנ׳אנפענגערין. כ׳בין אבער בערייט מיין דאזיגע מיינונג צו באזירן.

אלע אונזערע דיכטער ביז ביאליק און זיינע תלמידים – זענען ערצויגן געווארן אינ׳ם אלטן בית־המדרש, וואס פון איהם האבן זיי געשעפט זייערע כוחות. א געטאקטער פעלז איז געווען דאס יודענטום און אויפן דאזיגן פעלז האבן אלע אונזערע דיכטער געבויט זייערע וואונדערבארע פאלאצן. און ווען דער דאזיגער פעלז האט זיך אנגעהויבן צו קרישלן און ברעקלן, האט זיך אויך ארייגעגנב׳ט אין אונזער הארץ א געפיהל פון א נישט דייטליך פערצווייפלונג, וואס אין געוויסע צייטן — ווי ביי יל״ג, האט עס אנגענומען די פארם פון טיפן יאוש:

„ווער ווייסט אויב נישט דער לעצטער פון ציונ׳ס משוררים בין איך״.

ער האט געגרייזט. יל״ג איז נישט געווען דער לעצטער צווישן די העברעאישע דיכטער. „פאראן פארגעסנע שטעט־לעך אינ׳ם ברייטן גלות, וואו עס ברענט נאך אין באהאל־טעניש אונזער אלט ליכט״. און דאס אלטע ליכט האט זיך ביז היינט נישט פארלאשן.

די דאזיגע שטעדטלעך האבן אונז געגעבן ביאליק און פייערבערג, שניאור און כהן, אויך גנעסין און שאפמאן. אבער אויך דארט לעשט זיך דאס אלטע ליכט, טונקט זיך. פאר אונז איז אויפגעשטאנען אנ׳אנדער יודענטום, וואס ערציהט איהרע קינדער אין נייע שולען, נישט ביים שיין פונ׳ם אלטן ליכט, און אויך דאס נייע ליכט, וואס לייכט פון ציון — איז א נייעס און איז נישט צו פערגלייכן מיט׳ן אלטן ליכט.

צי וועט אויך דאס נייע ליכט בעלייכטן אונזער פינ־סטערניש, אזוי ווי דאס האט געטוהן דאס אלטע ליכט? ס׳איז געווען דא אנ׳ארט פאר נישט זיכערקייט. דאס דאזיגע אונזיכערקייט וואלט זיך זיכער פערוואנדילט אין פערצווייפלונג ווען נישט טשערניכאווסקי, וואס האט אונז געוויזן, אז ס׳איז דא א יודענטום אויך חוץ די ווענט פונ׳ם בית־המדרש. זיכער, דאס דאזיגע יודענטום איז אנ׳אנדערס, א שטייפעס און ס׳איז ווייט פון פלפול און פון הויות פון אביי ורבא — אבער א יודענטום איז עס, אהן צווייפעל.

און יעצט איז געקומן אלישבע. א פרוי און א גיורת. די שבת־ליכט האבן איהר געברענגט צו אונז. דאס איז אהז ספק אנ׳ אמת:

כ׳וועל אין ערב שבת די ליכט נישט צינדען.
אין צייט פון רויטליכע, דערהויבענע פארנאכטן —
נישט אויף מיר מקבל צו זיין די שבת־מלכה
דורך תפלות און געזאנגען.

— — — — — — — —

צי נישט אלץ איינס איז עס? ס׳וועלען יאהרן א דורך

און פארשוואונדען זענען די דאזיגע מנהגים...
פאראן אבער א ליכט וואס איז לעולמים,
אינ'ם דאזיגן פארנאכט וועל'ך שטאטס ליכט —
שטערן צינדען אויף דערהויבענע הימלען.
כ'וועל מקבל זיין דעם שבת פון הארץ
און א תפילה אהן ווערטער גיסט מיין גייסט.

און יענע שטערן, וואס זי צינדט אן אויף אונזער ליטערן הימעל, און יענע שטילע תפילה, וואס זי שעפטשעט פאר אונז — דאס איז א גאנץ נייע ערשיינונג אין אונזער ליטעראטור, און ס'איז זיכער, אז די דאזיגע שטערן וועלן אראפציהן צו אונז אסך פון יענע הערצער, וואס האבן זיך פארפרעמדט פון אונז און דערווייטערט.

מיט אלישבע הויבט זיך אן א נייע תקופה, אנ'אינטער־נאציאנאלע אין אונזער דיכטונג, אזוי ווי אונזער אלטע דיכטונג איז געווען מעהר מענשליך, ווי נאציאנאל.

און נאך:

די גרים — זיי זענען נישט ביי אונז קיין נייע ער־שיינונג. אבער אלע גרים, וואס האבן זיך ביז היינט באוויזן, זענען געווען גרי־צדק, רעליגיעזע גרים. אלישבע אבער איז די ערשטע נאציאנאלע גיורת, אין דורך דעם שטרייכט זי אונטער דאס גרויסקייט פון אונזער קולטור. דאס איז א גרויסער נאציאנאלער זיג.

איך בין דאך פון אחד־העם'ס תלמידים. אנ'אראבישער שילער, וואס געהט ארויס פון א העברעאישער שולע אין ארץ־ישראל — דאס איז פאר מיר א גרעסער געווינס, ווי

יענע געווינסן וואס מ׳האלט אפ מיט געוועהר אין האנד אויפ׳ן שלאכט־פעלד. נאך מעהר! דער זיג פון געוועהר׳ הייסט גאר מפלה׳ נאר דער זיג פון גייסט — דאס הייסט נצחון.

און אויב מען מעג קלעהרן וועגן נקמה׳ וואלט איך געזאגט׳ אז אלישבע איז ווי אנ׳אבצאהל אונזער פאלק פאר אלע צרות וואס מ׳האט געליטן אין רוסלאנד.

און מיר דארפן וויסען ווי צו שעצן דעם קרבן וואס אלישבע האט אונז געברענגט. — — —

# פונם ביכל «אינטימע געזאנגען»

«עמך — עמי,
ואלהיך — אלהי.» — (רות)

מ׳האט גענומען מיין הארץ און פארווארפען עס ווייט,
און באפריינדעט מיט פרעמדע מיר ליידן;
און ס׳וועט נאגן מיין הארץ פון אט דער פרעמדער לייד,
כאטש דאס ווייטע וועט בלייבן פון ווייטן.

כ׳בין פאר אייגענע — פרעמד, און פאר אייך אומבאקאנט,
און איך וואג אייך נישט אנרופן מיינע ;
עס וועט קיינמאל נישט פאלן די אייביגע וואנט,
כאטש אין הארצן פארוואנדט מיר זענען.

מ׳האט געפאנגען מיין הארץ מיט זיין אומעט אין פרייד,
און פארקנסט עס מיט אנדערע פיין.
נישט אויף מיר דריקט דער יאך פון דער שרעקליכער קייט,—
טא פארוואס זאל איך טרויריק זיין?

צוליב וואס מיטן זונענשיין פרעה איך זיך נישט,
און מיך רירט נישט דער גלאנץ פון די שטערן?
און פארוואס פון דער בענקשאפט, וואס האט מיך געשמידט,
קען איך קיינמאל באפרייט שוין נישט ווערן?

און פארוואס איז מיר ליב אט דאס פיינלעכע לייד,
אזוי נאענט — אט דער פרעמדער מיר טרויער?
און פארוואס, וואס מיין הארץ איז פארווארפען ווייט־ווייט,
נישט איך קלאג זיך און נישט איך בעדויער?

יודיש : ל. סטאצקי

*

אינם אויפגאנג פון פרימארגן
אויף די פעלדער פון יהודה,
גייען שניטערינס, וואס ברייננגן
פון דעם שניט די שיינע בשורה.
אין דעם אויפגאנג פון פרימארגן
גייט פארביי מיט זיי צוזאמען
איינגעוועבט אין זונען שטראלן
די געשטאלט פון רות דער בלאסער,
יוגענט־שיינער מואבס־טאכטער.
בויגט זיך איין אין קלייבט די זאנגען
ביי די ברעגעס פון די בייטען,
אין א גליק צושטראלטער שמייכל
שוועבט אויף איהרע צארטע ליפן;
און פון לאכעדיקען הימל
שיקט אראפ א גרוס א הייסן
פון דער אומענדליכער הויכקייט
די צופלאמטע זון פון יהודה.
רות! דו ביסט צום פאלק דעם גרויסן
פון געבורט געווען א פרעמדע,
אין די האסט דיין היים פארלאזן
ליבנדיק דאס פאלק פון יהודה.
ביסט הכנעה׳דיק געקומען
הארציק־ריין מיט צניעות בליקן
און געבראכט אים א מתנה:
צוגעבונדענקייט און ליבע.
א, ווי בין איך דיר מקנא,

מואב־טאכטער! דיר, די פרעמדע
האט מיט צארטקייט צוגעטוליעט,
אונטער זיינע אדלער־פליגלען
און באשיצט — דאס פאלק דאס גרויסע,
וועמענס מאכט און גייסטיק פייער
האבן אויך מיין הארץ באצוואונגען,
ביי דעם ברעג פון זיין געבענשטער
פעלד קלייב איך צונויף די זאנגען...
און עס גיט מיר פרייד די האפענונג
אז דאס פאלק, דאס גייסטיק־רייכע
וועט א טייל מיר נישט פארמיידן
פון די גרויסע גיטער זיינע...
אין אז איך וועל שטארבן — וועט מען
נאך מיין טויט אזוי דאן זאגן:
אט איז געווען א פרעמדע
און זי האט איר היים פארלאזן
ליבענדיק דאס פאלק פון יהודה;
גאט נעמט צו א ליבע־קרבן,
זאל זי אייביק רו געפינען
אינם שאטן פון דער שכינה —
פון די שטארקע ווענט פון ציון;
זאל זי רוען זיס אין פרידן;
זאל איר שטראליק הייס באגריסן
פון דער אומענדליכער הויכקייט
די צעפלאמטע זון פון יהודה...

אידיש: א. טרעשצאנסקי

## כ׳בין בייטאג פאר טרוימט, פארטראכט

כ׳בין בייטאג פארטרוימט, פארטראכט,
נאר עס וואכט מיין הארץ ביינאכט;
ווען איך זינג – מיין זעל זי שטומט.
ווען איך שטום – מיין ליד עס ברומט.

זינט פון הינטער־לעבן קלאנגען
זענען שטיל צו מיר דערגאנגען–
כ׳האב געשווארן זיי איבערגעבן
א וואונדער־זעאונג אין ביין לעבן.

אמת, שווער דער וועג און לאנג,
דאך האט מיר א גליק דערהויבן,
ס׳איז געקומען מיין פארלאנג:
א גאט אן־נאמען דינען, לויבן.

האט מיין הארץ דעם נס פארשפונען
און מיין ליד די שטומקייט נארט...
האט איר וואו א מענש געפונען
אזוי גליקליך אויף דער ערד?!

אידיש: א. ל. פאיאנס

## אוונטיקס

ס׳קלינגען אויס גלאקן א תפילה אין אוונט
פרוב ענטפערט דער וואלד באלד זיי אפ;
גלאק־בלימל הוידיעט אין שאטנס פון סאסנעס
און שאקלט שטיל צו מיטן קאפ.

בלאאויגיק און טרוימיק פארגאפט פון דער שטילקייט
ער גיט זיך באטאג נישט קיין ריר;
נאר אוונדיקס בויגן אים ווינטעלעך שטילע
ווען ס׳קלינגען די גלאקן א שיר.

ס׳ברענען נאך וואלקנס... אין וואלד אבער ציטערט
אן אומעטיק זילבערנער קלאנג:
— פארענדיגט דער טאג שוין... איצט דארף מען שטיל זינגען
אן אומעטיק אוונט־געזאנג.

די גלעקער, זיי רופן צו נאכט און צו פרידן
און שאטנדיק ווערט שוין און שטיל;
דער וואלד נאך ער שעפטשעט: א יום־טוב איז מארגן,
האט ער צו דאוונען נאך פיל.

אידיש: ה. י. פארט

# אויפן ברעג פון ים כנרת

רואיק, רואיק ווי א קינדער־וויגל
וויגט זיך צו דער ים־כנרת זאכט.
שפרייט א מעווע אויס די ווייסע פליגל;
אט — א שאטן אויף דער זילבער־שפיגל,
אט — זיך צארט א קלאנג אין הארץ דערוואכט.

צו דעם שפיגל, ווי א ראנד א שווערעס
קרייזן זיך די הויכע בערג ארום,
שטאלץ צום הימל קוקט ארויף כנרת,
ס׳וואסער שעפטשעט סודות־רייכע לערעס
און ס׳הערט ניט קיינער, אלץ איז שטום...

ניין, איך זאג ניט דא! צו מעג איך שטערן
אט די צויבערשטילקייט פון איר טרוים?
וויל איך נאר דעם ים און הימל הערן,
און מיר דוכט, ס׳וועט דער סוף דא ווערן,
ס׳האט מיין זעל געפונען שוין איר היים...

אידיש: א. ט.

## פון בוך «כוס קטנה»

ס׳איז שווער צו לעבן אין מיין וועלט
און פרעמד איז מיר אנ׳אנדער וועלט און באנג
ס׳איז העל דער טאג, עס שטארבט מיין טאג
ווען ס׳קומט דער פלאמענדיקער זון־פארגאנג.

וואסווארט איך פון דער שווארצער נאכט?
ס׳צורינען זיך חלומות אין דער פרי...
און מיט דעם טרוים־גיוועב פארשווינדט
א הארציק בלימאלע אין מיטן בלי...

נישט דארט אויף יענער זייט פון טאג
וועל איך מיין לעבנס־רעטעניש דערגען,
דאס פעראלע פון אמת ליגט
אין שמוץ, אין שויס פון אייביקן פארגען.

מיין וועג איז אנגיברייט אין זאמד
און איבער מיר — דער אייביקער זונען־שיין
אנטלויפן וועל איך נישט פאר שרעק,
פאראטן וועל איך נישט מיין גורל, ניין!

אידיש: א. אלפערין.